גוט יום טוב אלע אידן. אין שטאט זשיטאמיר נעבן בארדיטשעוו אין די צייטן פונעם הייליגן קדושת לוי זי״ע, האט געלעבט א איד וואס האט געהייסן הירש בער. הירש בער איז נעבאך געווען א שלימזל, ער האט נישט מצליח געווען אין קיין געשעפט, קיינער האט אים נישט מכבד געווען, אפילו זיין בני בית האט אים מורא'דיג שטארק פארשעמט ברבים.

אמאל איז עס געווען ערב יום הקדוש און די אידן אין זשיטאמיר האבן געגעסן די סעודת המפסקת פארן פאסטן. אבער אין הירש בער'ס הויז איז כמעט נישט געווען קיין עסן פאר די סעודה. די מצב איז געווען אזוי שווער אינדערהיים אז הירש בער האט נישט געהאט גענוג געלט צו קויפן עסן. פארשטייט זיך אז זיין בני בית איז נישט אזוי צופרידן געווען מיט אים און זי האט געשריגן אויף אים וועגן דעם. צום סוף, עטליכע מינוט פאר די שקיעה, האט זיין פרוי אים פארטריבן פונעם הויז מיט א ליידיגע בויך.

ער איז געגאנגען אין שול, מיט א צובראכענע הארץ, הונגריג און שוואך. ווען ער איז אנגעקומען אין שול האט ער געזען אז אלעס שיינט פון ריינקייט. אויף די ארון קודש איז געווען א שיינע ווייסע די פרוכת. יעדער איינער איז געזיצן אויף זיין פלאץ מיט א שיינע געביגעלטע קיטל און טלית און מען האט געהאלטן אינמיטן זאגן די תפילה זכה (וואס רבוה״ק האבן נישט נוהג געווען צו זאגן). הערש בער האט גענומען זיין פלאץ אין דעם בעק פונעם שול.

זיצענדיק דארט הונגריג און צובראכן, האט ער געוואוסט אז עס איז צו שפעט צו עסן עפעס, אבער אפשר וועט ער קענען בעטן א שמעק טאבאק פון ר' ברוך, וואס איז געווען דער גרעסטער עושר אין די קהילה. ר' ברוך איז געזיצן לעבן דעם מזרח וואנט און ער האט געהאלטן ביי זיך א שיינע זילבענע טאבאק פושקע.

הירש בער איז געגאנגען צום אויבן אן פונעם שול און ער איז צוגעגאנגען צום עושר מיט גרויס הכנעה. ער האט געלייגט זיין האנט אויף ר' ברוך'ס אקסעל, "אפשר א שמעק טאבאק ר' ברוך," האט ער געפרעגט שטילערהייט. ר' ברוך איז געווארן אויפגערעגט. ווער האט די חוצפה אים צו שטערען אין מיטן די הייליגע תפילה? ער האט ארויסגעקוקט פון אינטער זיין טלית צו זען ווער האט אים געשטערט און ער האט געזען דעם נעבאך הירש בער. ר' ברוך האט זיך אויסגעדרייט צו הירש בער און געזאגט צו אים הויכערהייט מיט גרויס בזיון, "הירש בער, יעצט? אינמיטן תפילה זכה??!?"

הערש בער איז געווארן מורא'דיג פארשעמט. מיט זיין פנים רויט פון שאנד, איז ער צוריקגעגאנגען צו זיין פלאץ, זאגנדיג צו זיך "רבונו של עולם, בין איך נישט ווערט אפילו א שמעק טאבאק."

עס איז געווארן א גרויסע טומל אין הימל וועגן דעם. עס איז נגזר געווארן אז ר' ברוך'ס מזל וועט אראפגיין און ער וועט פארלירן זיין גאנצען פארמעגן. אין די זעלבע צייט איז נגזר געווארן אז הירש בער זאל ווערן אן עושר. דער טאג נאך יום כיפור איז הירש בער'ס שוועסטערקינד געקומען קיין זשיטאמיר. ער האט פארגעשלאגען צו בארגן אביסל געלט פאר הירש בער. מיט דעם געלט האט הירש בער אנגעהויבן א נייע געשעפט און אין א קורצע צייט האט ער ב״ה זייער מצליח געווען. צוביסלעך האט ער צוריקבאצאלט אלע זיינע חובות און דער עולם האט אנגעהויבן אים אפילו מכבד צו זיין.

אויפן אנדערן זייט האט ר' בורך צוביסלעך פארלוירן זיין געלט און סטאטוס אין די קהילה. אנערקענענדיג אז עפעס גייט פאר, איז ער געגאנגען צו זיין רבין דער הייליגן צדיק רבי לוי יצחק פון בארדיטשעוו זצ״ל. ר' ברוך האט זיך אראפגעזעצט מיט זיין רבין און זיי האבן דורכגעשמועסט דער גאנצער פרשה. "אהא... דאס איז עס," האט רב לוי יצחק געזאגט, "דעם שאנד וואס דו האסט גורם געווען הירש בער אין דעם הייליגסטען טאג איז דער שורש פון דיין אינטערגיין."

"וואס קען איך טון רבי?" האט ר' ברוך געזאגט צובראכענערהייט. "עס וועט קומען א צייט ווען דו גייסט בעטן פון דעם יעצטיגען עושר הירש בער א שמעק טאבאק און ער וועט דיר נישט געבן, דעמאלט וועסטו קענען דעם מצב צוריק מאכן אזוי ווי עס איז געווען אמאל." האט דער רבי געזאגט צו אים.

די יארן זענען פארבייגעגאנגען און יעדער איינער האט פארגעסן אז ר' ברוך האט אמאל אפילו געהאט געלט, ער איז געווען אינגאנצן ארעם. איין טאג האט הירש בער גערופן דעם עולם צו זיין טאכטער'ס חתונה וואס וועט פארקומען אין דעם שענסטען זאל אין זשיטאמיר.

ווען די שעה פון די חתונה איז געקומען, איז הירש בער געשטאנען אינטער דער חופה האלטענדיג די כתובה גרייט עס איבערצוגעבן פארן רב. פלוצלינג איז ר' ברוך געקומען אינטער די חופה און ער האט געבעטן פון הירש בער: "א שמעק טאבאק אפשר רב הירש בער?" הירש בער האט גלייך אוועקגעלייגט די כתובה און ער האט...

פאר מיר גיין ענדיגען דעם מעשה, לאמיר אביסל רעדן פון עניינים פונעם מעשה וואס זענען שייך צו יום הקדוש. יום כיפור האט א געוואלדיגע כח צו מכפר זיין אויף עבירות. דער טאג אליינס איז מכפר. זאגט אבער דער הייליגער רמב״ם ז״ל, אז יום כיפור העלפט נישט מכפר צו זיין אויף עבירות שבין אדם לחבירו. זאגט דער רמב״ם ז״ל: "אינו נמחל לו לעולם!" ד״ה מען מוז גיין צו יענעם און אים איבערבעטן אדער צוריקבאצאלן. טאמער נישט ח״ו, וועט מען קיינמאל נישט באקומען קיין כפרה אויף אן עבירה שבין אדם לחבירו.

די תורה זאגט "בנים אתם לה' אלקיכם" איר זענט קינדער צום אייבערשטען אייער ג–ט. דער גרעסטער צער וואס א טאטע קען האבן, ל״ע, איז צו זען אז זיינע קינדער קריגן זיך איינער מיטן צווייטן ח״ו.

יעצט צוריק צו דעם מעשה... הירש בער האט אוועקגעלייגט די כתובה און ער האט גלייך ארויסגענומען דעם טאבאק פושקע און ער האט געזאגט, "אוודאי, אוודאי, דא האסטו, נעם אביסל." ווען ר' ברוך האט עס געהערט האט ער געחלשט.

נאך די חופה האבן די צוויי זיך אראפגעזעצט צוזאמען שמועסן. ר' ברוך האט דערציילט אלעס וואס איז געשען זייט דעמאלט ווען ער האט פארשעמט הירש בער ברבים די נאכט פון יום הקדוש. נאכדעם זענען די צוויי געגאנגען צום הייליגן רב לוי יצחק זי״ע זיך צו מייעץ זיין. דער רבי האט געזאגט וויבאלד אז הירש בער'ס הצלחה אין ביזנעס איז תלוי געווען אויף ר' ברוך'ס אינטערגיין, זאל הירש בער צעטיילן זיין געלט און עס געבן צו ר' ברוך. הפלא ופלא! הירש בער האט מסכים געווען צו געבען האלב פון זיין פארמעגן צו ר' ברוך. הירש בער האט מוחל געווען ר' ברוך בלב שלם אוןביידע האבן זוכה געווען צו האבן זייער גליקליכע לעבן.

דער אייבערשטער האט אונז זייער ליב און ער פרייט זיך כביכול צו זען אז מיר פירן זיך אויף ווי עס דארף צו זיין איינער מיטן צווייטן. עס איז נאך נישט צו שפעט. מיר האבן נאך צייט צו גיין צו יענעם און אים איבערבעטן אויב עס פעלט אויס. אויב איינער האט באליידיגט אדער פארשעמט א צווייטן, זאל ער יענעם איבערבעטן. א בעל חוב זאל בעטן צו צוריקצאלן וויפיל עס איז שייך פון דעם חוב נאך יום הקדוש. דעמאלט וועלן מיר אלע זוכה זיין מיט דעם באשעפער'ס הילף צו האבן א גמר חתימה טובה און א גוט געבענטשט יאר. גוט יום טוב אלע אידן.

# א גמר חתימה טובה אלע אידן

מזל טוב למוה״ר יעקב יוסף ליכטער הי״ו מירושלים עה״ק לרגל שמחת הנחת התפילין של בנו יהושע נ״י למחרת יום הכיפורים

נתרם לרפו״ש של מרדכי מנחם מענדל בן ציפורה יוטא, שאשא מלכה בת גאלדא, יהודה בן אסתר, משה דוד בן מרים בתשח״י

לע״נ אברהם בן ליפא ע״ה • לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג 362-3234 (845)

**כל המענג את השבת נותנין לו משאלות לבו (שבת קיח:) - נא לעיין דף זה לאחר התפילה**